פרשת שמיני-החודש ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מח ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר ויקרא
ע"י אחד מבני החבורה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

## בך בטחתי

**שָׂמִים מַר לְמָתוֹק;**
אַלע ביטערע זאַכן ווערן נמתק דורך מקבל זיין דעם רצון ה' באהבה

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור כ"ה יום ראשון פרשת וירא י"ב מרחשוון תש"פ

א

# המודה ביסורין ושמח בהן, נותנין לו חיים; זיך מכניע זיין פאַר די גזירת השי"ת ברענגט אַ זיסע לעבן

### די רפואה פאר יסורים איז אקצעפטירן

מען האָט פריערדיגע וואך דערמאַנט אַז דער הייליגער **אור החיים הק'** (פרשת ויגש) זאָגט אַ געוואַלדיגע יסוד וואָס רופט זיך אָן: **"סמא דיסורי קבולי"** - די רפואה פאַר אַלע שוועריגקייטן איז ווען דער מענטש איז דאָס מקבל באהבה און ער פרובירט נישט צו לוחם זיין דערמיט. דאָס גופא איז די רפואה וואָס מאַכט אַז די יסורים זאלן אַוועקגיין.

דער אור החיים הק' איז דאָרט מסביר אַז דעריבער האָט זיך נישט אָנגעהויבן דער שעבוד מצרים ווילאַנג עס האָבן נאָך געלעבט די 'שבעים נפש יורדי מצרים', **ווייל זיי האָבן אַלע מסכים געווען בלב שלם צו דער גזירה און דעריבער האָבן זיי שוין נישט געדאַרפט ליידן.** בלויז יוכבד מיט סרח בת אשר האָבן יאָ געלעבט לענגער און מיטגעהאַלטן דעם שעבוד, ווייל זיי זענען געברענגט געוואָרן דורך יעקב אבינו און ס'האָט זיי געפעלט די חלק פון 'קבלת יסורים באהבה'.

### דורך קבלת יסורים ווערט נמתק די שוועריגקייט

אַזוי איז דאָס ביי יעדן מענטש, וויפיל ער וועט מקבל זיין די יסורים, וויפיל ער נעמט עס אָן מיט אַן אהבה וואוסנדיג אַז דער רבוש"ע ווייסט בעסער פון מיר און ס'איז די בעסטע זאַך וואָס קען נאר זיין, **אַזויפיל מער וועט דאָס אַליין זיין די רפואה.** ער וועט נישט דאַרפן דורכגיין די יסורים, ס'וועט אַלעס בטל ווערן!

מען וועט אַביסל מרחיב זיין מיט דעם נקודה, היות ס'איז אַ גרויסע עבודה, און ס'איז טאַקע פאַרהאַן הונדערטער און טויזנטער אָפענע מעשיות פון אידן וואָס האָבן אַזוי געטון, זיי האָבן מקבל געווען באמת די יסורים און ס'האָט געאַרבעט! אַמאָל ווערט בטל די גאַנצע שוועריגקייט, און אַמאָל ווערט בטל די חלק המרור פון די יסורים, ס'איז שוין נישט אַזוי ביטער. אָבער דאָס איז זיכער אַז ס'איז דאָ אַ כח עליון וואָס איז מבטל אַלע שוועריגקייטן, **אויב מ'נעמט דאָס אָן!** און מ'דאַרף דאָס גוט געדענקן, ווייל דאָס איז איינס פון די שטאַרקסטע יסודות אין דער מדה פון בטחון.

### 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' איז מהפך דעם גזר דין

דער הייליגער **מהר"ל** אין ספר נתיבות עולם (נתיב הבטחון), שמועסט אויס די מעשה פון רבי עקיבא וואָס איז געגאַנגען אויפ'ן וועג מיט אן אייזל, אַ הינדל און אַ ליכט, און אַלעס איז אים געוואָרן צוגענומען אָבער ער האָט געזאָגט 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'.

זאָגט דער מהר"ל דאָס לשון: **"ולפיכך אמר ר' עקיבא 'כל מה דעביד רחמנא לטב', כלומר כי הוא בוטח בה', כי מה שנעשה לו לטב עביד, ומחמת בטחונו בו יתברך נעשה לו הדבר ההוא לטובה, מדבר שהיה נראה רע".**

דאָס הייסט: ווען אַ איד זאָגט מיט זיין מויל "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", האָט ער יעצט מגלה דעת געווען אַז ער געטרויעט דעם רבוש"ע, איך ווייס אַז דער רבוש"ע האָט דאָס געטון און איך ווייס אַז דער רבוש"ע טוט נאר גוטס! אפילו בשעת ער האָט געכאַפט דעם פליק זאָג ער אַרויס אַז אויב דער אויבערשטער האָט דאָס געטון איז דאָס די בעסטע זאַך, און **היות דו האסט דאָס געזאָגט און געגלייבט, וועט יעצט געשען אַז "נעשה לו הדבר ההוא לטובה" - עס גייט באמת ווערן איבערגעקערט צו גוטס!**

### די ערשטע שטאַפל; אפילו אויב כ'פאַרשטיי נישט גלייב איך אַז ס'איז גוט

דער מהר"ל זאָגט אונז דאָ די צוויי שטאַפלן וואָס פאַסירט ביי דעם מושג פון 'קבלת יסורים באהבה':

די ערשטע שטאַפל איז די אמת'ע משמעות פון בטחון: ווען דער מענטש זאָגט אַרויס אַז די שוועריגקייט וואָס איך האָב יעצט איז זיכער אַ גוטע זאַך! כל מה דעביד רחמנא לטב עביד! הגם כ'פארשטיי נישט יעצט די סיבה דערפון, איך האָב נאר געשפירט די ווייטאָג און די צער, און כ'האָב נישט קיין שום הסבר דערויף, כ'זעה נאָכנישט דעם 'טוב', נעם איך עס אָבער אן און כ'בין צופרידן, ווייל איך געטרוי השי"ת מיט פאַרמאַכטע אויגן! איך ווייס אַז דער רבוש"ע איז אַלעמאָל בלויז מטיב מיט מיר! אפילו אַ זאַך וואָס קוקט מיר אויס 'חושך' נעם איך אָן באהבה, איך אַרבעט אויף מיין בטחון צו געטרויען דעם רבוש"ע.

### די צווייטע שטאַפל; די חושך ווערט טאַקע באמת גוט

די צווייטע שטאַפל איז: אַז ווען אַ איד זאָגט טאַקע אַרויס דעם 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', וועט דאָס בפועל מהפך זיין די גאַנצע ביטערקייט! ס'גייט באמת בטל ווערן די יסורים! ווי דער כלל פון 'הבוטח בה' חסד יסובבנו'. דאָס אַרבעט אַזוי אויטאָמאַטיש! ס'איז דער סדר הבריאה אַז אין דער מינוט וואָס דו אַרבעטסט אויף בטחון, וועסטו אָנהויבן זען און שפירן די אָפענע חסדים.

### די הבטחה פון אלי' הנביא; אַ חיים טובים בעוה"ז ובעוה"ב

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע לשון אין תנא דבי אלי' רבה (פרק יא): **"כל המודה ביסורין ושמח בהן, נותנין לו חיים בעולם הזה ולעולם הבא שאין להם סוף"**. אַ איד וואָס גייט אַריבער אַ שוועריגקייט און ער איז בשמחה, באַקומט אַ 'חיים בעולם הזה ולעולם הבא' אָן קיין סוף!

נישט בלויז באַקומט מען שכר פאר בטחון אויף יענער וועלט, נאר מען איז זוכה צו אַ 'חיים טובים' **אויך דאָ אויף דער וועלט!**

דאָס איז דער גרויסער כלל פון בטחון, אַז אין דער רגע וואָס ביזט זיך מקשר צום אויבערשטן מיט אן אמונה אַז ס'איז גוט, אפילו דו ווייסט נאָכנישט

וויאַזוי און פאַרוואָס זאָגסטו אָבער: ״קל אמונה ואין עול, ס׳קומט זיך מיר זיכער די שוועריגקייט״, **דעמאָלט ביזטו יעצט געווען אַ בוטח בה׳ און ס׳גייט זיין ׳חסד יסובבנו׳ סיי בעולם הזה און סיי בעולם הבא!** אויב מען האָרעוועט אויף בטחון איז מען מרויח צוויי מאָל, בזה ובבא!

## ב

# ולא יכול יוסף להתאפק; מיט אַ ביטול פאַר׳ן רצון ה׳ פאַלן גלייך אַראָפּ אַלע לבושים

### די שפע איז אַרומגענומען מיט לבושים וואָס האַלטן דאָס אָפּ

יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש שטויסט זיך אָן אין אַ זאַך וואָס איז אים נישט געגאַנגען כרצונו, סיי אויב ס׳איז געווען אַ קלייניגקייט און סיי אויב ס׳איז געווען מער אַן ערנסטע זאַך, איז דאָס אַ מהלך וויאַזוי דער רבוש״ע פירט יעצט דעם מענטש מיט אַ געוויסע הנהגה, אַז די שפע זאָל אים נישט אָנקומען.

דער מענטש האָט פּרובירט איינמאָל און ער האָט שוין פּרובירט נאָכאַמאָל, ער האָט שוין אַלעס פּרובירט און ס׳גייט נישט. דאָס הייסט אַז **דאָ איז פאַרהאַן אַ געוויסע שפע וואָס קומט באַגלייט מיט אַזעלכע לבושים וואָס האַלטן אָפּ די שפע פון אָנקומען צו דיר.**

געווענליך וואָלט יעדע שפע פון הימל געדאַרפט גלייך גיין צום מענטש, גרינגערהייט און זיסערהייט. פאַרוואָס קומט דאָס נישט אָן? **ווייל ס׳איז דאָ לבושים דערויף!** ס׳איז דאָ מקטרגים אַרום די שפע וואָס האַלטן דאָס צוריק! אָט די אַלע לבושים איז בעצם די סיבה פאַרוואָס די שפע קומט נישט אָן צו דיר.

### אמונה נעמט אַראָפּ אַלע לבושים

אָבער אין דער מינוט וואָס דער מענטש איז דאָס מגלה און ער זאָגט: ״איך ווייס אַז דער רבוש״ע האָט געמאַכט אַז ס׳זאָל זיין מקטרגים אַרום די שפע, איך ווייס אַז דאָס איז אַ מהלך וויאַזוי השי״ת פירט מיך, דער רבוש״ע מאַכט אַז ס׳זאָל אַזוי זיין און ער איז מיך נאר מטיב אַלעמאָל! די אַלע ענינים פון מקטרגים און עיכובים אַרום די שפע, דאָס איז די בעסטע זאַך פאר מיר״. **האָט דער מענטש יעצט אַראָפּגענומען די אַלע לבושים!** דאָס איז וואָס האָט יעצט פאַסירט!

ווען אַ איד איז מקבל די יסורים באהבה. ער זאָגט מיט זיין מויל, מיט זיין מח און מיט זיין האַרץ: ״איך ווייס אַז ס׳איז בעצם דער רבוש״ע וואָס רעדט יעצט צו מיר, ער מאַכט אַז ס׳זאָל אָנקומען שווער די שפע. ס׳איז נישט סתם אַז ס׳גייט מיך נישט. איך ווייס אַז ס׳איז מה יצא הדבר! דער רבוש״ע רעדט יעצט צו מיר אויף אַזאַ סאָרט שפּראַך, דער אויבערשטער וויל אַז כ׳זאָל אים אַנערקענען און דאָס אַרויסזאָגן פון מיין מויל״.

דעמאָלט האָט דער איד אַראָפּגענומען די לבושים. **דו האסט מגלה געווען אַז ס׳איז דער רבוש״ע!** און ווען אַ איד נעמט אַראָפּ דעם לבוש איז דער אויבערשטער זיך טאַקע מתגלה און ער נעמט אינגאַנצן אַראָפּ די לבושים!

אַזוי אַרבעט די גאַנצע סדר הבריאה אַז פון יעדע ׳אתערותא דלתתא׳ ווערט אַן ׳אתערותא דלעילא׳, ווי דער כלל פון ׳ה צלך׳, אַז ווען דער מענטש פירט זיך לויט איין מהלך וועט דער רבוש״ע זיך פירן אויף די זעלבע וועג. **אויב דו ביזט מגלה דעם אויבערשטן אין די לבושים וועט דער רבוש״ע זיך צוריק מגלה זיין צו דיר!** ער וועט טאַקע אַראָפּנעמען די לבושים און ברענגען די שפע. דאָס איז די סדר הנהגה בעולם הזה און דאָס איז דער יסוד פון ׳הבוטח בה׳ חסד יסובבנו״.

### פאַרוואָס האָט יהודה איבערגע׳חזר׳ט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב

לויט דעם יסוד איז דער **שפת אמת** (פרשת ויגש תרל״א, תרל״ב ובליקוטים) מסביר די פסוקים פון אנהויב פרשת ויגש, וואו יהודה דערציילט פאַר יוסף די גאַנצע מעשה, וויאַזוי זיי זענען אָנגעקומען צו דעם יעצטיגן מצב.

דער רמב״ן שטעלט זיך שוין דערויף, פאַרוואָס האָט יהודה געדאַרפט דערציילן די גאַנצע מעשה פון אָנהויב?! אַז דו ווילסט מאַכן מלחמה אָדער תפלה, זאָג וואָס דו ווילסט, פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט צוריקגיין און דערציילן די השתלשלות פון ווען זיי זענען געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין מצרים קויפן תבואה, ׳אדוני שאל את עבדיו לאמר׳, ׳ונאמר אל אדוני׳, און אַזוי ווייטער די אַלע פסוקים?!

### די שאלה פון ׳מה זאת עשה אלוקים לנו׳

איז דער שפת אמת מבאר אַז אין אָנהויב, ווען די הייליגע שבטים האָבן געזען אַז זיי שטויסן זיך אָן אין אַזויפיל פּראָבלעמען, האָבן זיי זיך געוואונדערט: ״פאַרוואָס עפּעס דאַרף אונז גיין אַזוי שווער?!״.

די שבטים האָבן זיך געוואונדערט: אַזויפיל אַנדערע מענטשן גייען קיין מצרים, זיי באַקומען זייער עסן און זיי גייען ווייטער, פונקט אונז איז מען חושד אַלס מרגלים, מ׳נעמט שמעון אין תפיסה, דערנאָך דאַרפן מיר ברענגען בנימין. די זאַך הייבט אָן ווערן מער און מער פאַרפּלאָנטערט... אַצינד, איז עס אָנגעקומען צו אַ פרישע שטאַפּל אַז דער מושל פון מצרים וויל נישט צוריקגעבן בנימין און יעקב אבינו האָט דאָך גערעדט אַזוי שאַרף אַז מ׳דאַרף אים צוריקברענגען בנימין.

ווען די שבטים האָבן געזען ווי קאָמפּליצירט ס׳איז זייער מצב, האָבן זיי קודם געזאָגט: ׳מה זאת עשה אלוקים לנו׳?! זיי האָבן זיך געוואונדערט: פאַרוואָס דאַרף עס גיין אַזוי שווער?! פאַרוואָס האָט השי״ת געמאַכט אַז ס׳זאָל ווערן אַזוי פאַרפּלאָנטערט?!

### איבערגע׳חזר׳ט די גאַנצע מעשה מיט אַ ביטול פאַר׳ן רצון ה׳

דערנאָך האָבן זיי געזען אַז דער מצב ווערט נאר ערגער און ערגער. האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זייער שפע איז אַרומגענומען מיט אַסאַך לבושים. דערפאַר האָט יהודה יעצט איבערגעזאָגט די גאַנצע מעשה און **ער האָט צוגעלייגט אויף יעדע זאַך אַז דער רבוש״ע האָט דאָס געמאַכט!** די שבטים האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי דאַרפן איבער׳חזר׳ן אַלעס וואָס איז געווען פון אָנהויב און זיי דאַרפן דערביי מודה זיין אַז אַלעס קומט פון השי״ת און דער רבוש״ע איז גערעכט!

ווען אַ איד זעט אַז ער איז ׳סטאָק׳, ס׳רוקט זיך נישט גאָרנישט. ער וואונדערט זיך: פאַרוואָס דאַרף יעדע זאַך גיין אַזוי שווער?!

איז די עצה אַז ער זאָל צוריקגיין צום אָנהויב און אַנערקענען אַז דער רבוש״ע האָט געמאַכט אַז איך זאָל האָבן די אַלע שוועריגקייטן, ס׳דאַרף אַזוי זיין! דער רבוש״ע האָט געמאַכט אַז כ׳זאָל קודם האָבן איין שוועריגקייט, איך האָב אָבער נישט געכאַפּט אַז דער אויבערשטער רעדט צו מיר דאָ, און כ׳האָב זיך איינגערעדט אַז אויב כ׳וועל טון כך וכך וועט עס העלפן. דערנאָך האָט עס נאָכאַמאָל נישט געאַרבעט און כ׳האָב נאָכאַמאָל פאַרגעסן פון השי״ת, כ׳האָב געהאַט טענות בלב, כ׳האָב געהאַט אַ שטיקל טינה כלפּי מעלה, אָבער דער רבוש״ע האָט מיך דאַן ווידעראַמאָל געוויזן: **פאַרוואָס לאָזטו מיך אָפּ? קום נענטער צו מיר און געדענק אַז איך בין דאָס! זאָג איבער די גאַנצע מעשה נאָכאַמאָל!**

### ווען מען זעט השי״ת אין יעדן מצב קומט טאַקע די ישועה

זאָגט דער שפת אמת, אַז טאַקע אין דער מינוט וואָס יהודה האָט איבערגעזאָגט די מעשה נאָכאַמאָל און ער האָט עס דערציילט ריכטיג, מיט די הכרה אַז אַלעס איז דער רבוש״ע. גלייך איז געווען ״ולא יכול יוסף להתאפק״!

תוך כדי דיבור וואָס יהודה האָט געענדיגט דערציילן די מעשה אויפ׳ן ריכטיגן אופן, איז נתגלה געוואָרן די פּנימיות׳דיגע שפע און אַלע לבושים זענען אַוועקגעפאַלן!

### די ריכטיגע אופן פון מקבל זיין יסורים באהבה

אַזוי אַרבעט דער סדר וויאַזוי דער רבוש״ע האָט אויסגעשטעלט די בריאה אַז ווען ס׳דאַרף קומען צו דיר אַ שפע און ס׳גייט אָבער שווער, איז דאָ אַן עצה, צו געדענקן אַז אַלעס איז דער אויבערשטער און מ׳זאָל דאָס אָננעמען באהבה אַז ״עס קומט זיך מיר״!

ווען אַ מענטש זאָגט אַז ׳עס קומט זיך מיר׳, **איז נישט די כוונה אַז ער זאָל יעצט אָנהויבן אַריינקריכן און זוכן אַלטע עבירות, אָדער ווערן אויפגערעגט אויף זיך אַליין.** נישט דאָס מיינט מען! די ׳יפשפש במעשיו׳ דאַרף נישט זיין יעצט אויף די סעקונדע. ווי מ׳האָט שוין

### אותיות מחכימות

שפת אמת ויגש תרל״א

ויגש אליו יהודה מלשון הודאה... שמעתי מאדוני אבי זקני מורי ורבי זצלה״ה שנקראו יהודים על שם שמודין להשי״ת על כל דבר קטן וגדול, שיודעין שהכל ממנו יתברך, ועל ידי זה יכולין ליגש.

וזה עצה בכל שעת צרה והסתרת פנים לכל איש ישראל, העצה היא להתבטל לרצון השי״ת על ידי שמברר האדם אצלו שגם בתוך ההסתר יש חיות מרצון השי״ת, וזהו ויגש אליו להשי״ת, וגם כי זה נקרא הגשה ליוסף, כי יוסף הוא הנקודה הפנימית שיש מהשי״ת כמו שכתבתי במקום אחר. ובאמת היה אז צר מאוד ליהודה... והיתה עצתו על ידי הגשה זו לפנימיות הדבר, כי לא הוסיף בבקשה זו רק שחזר כל הדברים לעצמו להיות מיושרין אצלו ולקבל רצון השי״ת בשמחה, ועל ידי שמבררין שהוא מהשי״ת נתגלה הפנימיות. וכתיב ולא יכול יוסף שהוא הפנימיות להתאפק, ונתגלה הפנימיות, וממילא הוציאו כל איש כו׳, שההסתרות וחיצוניות שהם מסתירין הפנימיות, נתבטלו.

אויסגעשמועסט אין דעם שיעור ו' פון חובת הלבבות שער בטחון אַז די זאַך פון חשבון הנפש דאַרף זיין ווען דער מענטש האָט ישוב הדעת און שמחה, ווייל תשובה קען מען נאָר טון בשמחה.

יעצט בשעת מעשה, געדענק בעיקר צו דאַנקן דעם אויבערשטן: **"יייש"כ רבוש"ע פאַר'ן מאַכן אַז ס'זאָל אָנקומען מיט אַ שוועריגקייט. ס'איז זיכער די בעסטע זאַך פאַר מיר".**

אויב אַ איד טוט די עבודה פון קבלת יסורים, דעמאָלט געשעט אויטאָמאַטיש דער 'ולא יכול יוסף להתאפק'. די פנימיות פון די שפע ווערט נתגלה און אַלע לבושים און עיכובים פאַלן אַוועק!

ג

# נאמן עלי הדיין; גלייך ווען מ'איז מקבל דעם גזירת שמים ווערט אַלעס נמתק

## ווען ס'קומט אונטער אַ צרה; טראַכט אַריין פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט

דער **חפץ חיים**, אין זיין ספר **שמירת הלשון**, איז מבאר די פסוקים אין פרשת שמות, ווען דער רבוש"ע האָט געשיקט משה רבינו אַז ער זאָל גיין צו פרעה אַרויסנעמען די אידן פון מצרים, האָט אים דער אויבערשטער געפרעגט: "מה זה בידך? ויאמר לו משה מטה". האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט "השליכהו ארצה" און אַזוי איז טאַקע געווען "וישליכהו ארצה ויהי לנחש".

זאָגט דאָרט **רש"י** אַז דער אויבערשטער האָט אים געוואָלט מרמז זיין אַז ער האָט גערעדט לשון הרע אויף אידישע קינדער, האָט ער דערמיט גענומען די פּאַך פון דעם נחש וואָס האָט אויך גערעדט לשון הרע. דאָס איז געווען אַן עונש פאַר משה רבינו.

זאָגט דער חפץ חיים: **"מזה נוכל להבין לכל עניני לשון הרע ורכילות, שנפרעין מן האדם בעולם הזה".** ווען דער מענטש טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם, דאַרף נישט זיין אַזוי שווער צו טרעפן די סיבה דערצו. תיכף ומיד ווען ס'גייט שווער פאַר'ן מענטש זאָל ער כאַפּן אַ בליק אויף די לעצטע שטיק צייט, אויב ער האָט פוגע געווען אין אַ מענטש, אויב ער האָט גערעדט לשון הרע, אויב ער האָט מצער געווען אַ צווייטן איד, וכדומה. דער חפץ חיים זאָגט דאָרט אַז מ'דאַרף נישט זוכן קיין 'סיבה רחוקה' פאַרוואָס ס'איז געקומען די שוועריגקייט. בדרך כלל איז עס זייער קלאָר.

## אַנערקענען אַז דער רבוש"ע שטייט אונטער די שוועריגקייט

און דער חפץ חיים איז ממשיך אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט פאַר משה רבינו: "שלח ידך ואחוז בזנבו" האָט אים דער אויבערשטער מרמז געווען: לויף נישט אַוועק! נאָר גיי צו דעם עונש וואָס כ'האָב דיר געגעבן! זיי עס מקבל! ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ שוועריגקייט, איז די טבע אַז מ'וויל אַוועקלויפן דערפון, ער וויל נישט טראַכטן דערפון, ער וויל זיך מתעלם זיין, העכסטנס גייט ער דאַווענען דערויף. אָבער דער אויבערשטער זאָגט: **וואו גייסטו?! כאַפּ יאָ אָן דעם פּראָבלעם, שלח ידך ואחוז בזנבו!** פאַרשטיי וואָס דאָ איז געשען, אַז דער רבוש"ע האָט דיך דאָס געשיקט!

נאָכדעם וואָס דער מענטש דערהערט דאָס, נאָכדעם וואָס ער איז מקיים דעם 'אחוז בזנבו', **דעמאָלט ווערט די צרה טאַקע נעלם**, ווי דער פסוק זאָגט ביי משה רבינו "וישלח ידו ויחזק בו ויהי למטה בכפו" - **עס איז גלייך נתהפך געוואָרן לטוב!**

ווען אַ איד איז מקבל די יסורים באהבה וועט ער תיכף ומיד זעט אַז **ס'וועט אים גרינגער ווערן.** אפילו אויב מ'זאָגט בלויז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', איז דאָס משפיע אויפ'ן האַרץ און דערנאָך וועט אַלעס איבערגעדרייט ווערן צום גוטן!

## נאמן עלי הדיין; רבי אליעזר ווערט ניצול פון דעם הגמון

מיט דעם יסוד זאָגט דער **שם משמואל** (אמור תר"ע) פשט אין די מעשה וואָס די גמרא דערציילט (מסכת עבודה זרה ט"ז ע"ב) "כשנתפס רבי אליעזר למינות העלוהו לגרדום לידון". די רוימישע ממשלה האָט געפאַנגען רבי אליעזר און זיי האָבן אים אַרויפגעברענגט צום גרדום, אים צו אומברענגען חלילה.

דער גוי'אישער הגמון, וואָס האָט שוין געהאַלטן דעם שטריק אויפ'ן האַנט, האָט אים געזאָגט: "זקן שכמותך יעסוק בדברים הללו", ער האָט אים פאַרגעהאַלטן פאַרוואָס ער לערנט תורה. האָט אים רבי אליעזר געענטפערט: "נאמן עלי הדיין".

פאַרציילט די גמרא אַז די כוונה פון רבי אליעזר איז געווען אַז דער רבוש"ע איז ביי אים באַגלייבט, ער האָט נישט קיין טענות אויף די גזירה פון הימל. אָבער דער הגמון האָט פאַרשטאַנען אַז רבי אליעזר רעדט וועגן אים, און אַז ער נעמט אָן זיינע טענות. "כסבור אותו הגמון עליו הוא אומר, והוא לא אמר אלא כנגד אביו שבשמים".

דעריבער האָט אים דער הגמון געזאָגט אַז ווייל דו האָסט מיך געטרויעט און האָסט מקבל געווען אויף דיך מיין גזר דין, וועל איך דיך באַפרייען און דו וועסט נישט ווערן גע'הרג'ט.

## ווען מ'איז מקבל באהבה ווערן נעלם אַלע מקטרגים

דער שם משמואל ערקלערט אַז די גמרא קומט אונז לערנען אַז ווען אַ איד איז מקבל אויף זיך דעם דין שמים ווערט ער תיכף ומיד פטור פון דעם גזירה! **"אם אדם הולך בתמימות ומקבל עליו באהבה נסתלקים מעליו כל המקטרגים".**

דעריבער ווען רבי אליעזר האָט געזאָגט "נאמן עלי הדיין", ער האָט זיך מכניע געווען פאַר'ן רצון ה', איז ער טאַקע באמת גלייך באַפרייט געוואָרן פון הריגה, ווייל דער הגמון האָט בטעות געקלערט אַז רבי אליעזר מיינט אים, און אַזוי איז ער באַלד געראַטעוועט געוואָרן, **בזכות פון מקבל זיין די יסורים באהבה!**

אויך דער חפץ חיים, אין דעם אויבנדערמאַנטן שטיקל פון ספר שמירת הלשון, דערמאַנט די זעלבע גמרא אַלס אַ ראי' צו דעם יסוד אַז קבלת יסורים איז ממתיק אַלע דינים.

## בטחון האָט מדריגות עד אין סוף

על כל פנים, פון די אַלע ספרים הק' זעט מען די זעלבע נקודה, אַז יעדעס מאָל וואָס אַ איד אַרבעט אויף זיך צו מקבל זיין דעם גזירת ה' באהבה, **וועט ער פשוט אַראָפנעמען די דינים פון זיך.** ווייל דורך בטחון בה' נעמט מען אַראָפּ די לבושים וואָס ליגט אויף דער שפע און אַזוי אַרום קען די שפע אָנקומען צו דיר.

מ'דאַרף וויסן אַז ס'איז דאָ זייער אַסאַך מדריגות אין קבלת יסורים באהבה. דער מענטש קען אַמאָל אַרויסזאָגן מיט'ן מויל 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', אָבער למעשה ציפּט אים עס נאָך, ווייל ער איז דאָך אַ בשר ודם, און **דערפאַר איז טאַקע דאָ מדריגות און מדריגות ביי דעם ענין!** יעדעס מאָל וואָס אַ איד אַרבעט דערויף שטייגט ער העכער, ביז ער וועט אָנקומען זייער הויעך בעז"ה.

ס'איז נישטאָ קיין גבול וויפיל מדריגות ס'איז דאָ אין בטחון. יעדער איינציגער איד איז אַ בעל בטחון אין אַ געוויסע מדריגה, און ווען ער אַרבעט דערויף, ער טראַכט מחשבות פון אמונה, גייט ער אַרויף אַ מדריגה העכער און העכער. אפילו ווען ער פאַלט אַראָפּ פון זיין בטחון **ווערט ער נישט יעצט אויס בעל בטחון אינגאַנצן!** ער דאַרף זיך פשוט מחזק זיין און גיין נאָך אַביסל. **וויפיל טיפער דער מענטש וועט מקבל זיין די יסורים באהבה אַזויפיל מער וועט זיין די המתקה צו דער שפע.**

## יעדעס ביסל הכנעה פאַר השי"ת איז נאָך אַ לעפל צוקער פאַר די ביטערע קאַווע

דאָס איז אַזויווי אַ גלאָז קאַווע וואָס האָט אין זיך אַ ביטערקייט, און ס'איז דאָ מענטשן וואָס לייגן איין לעפל צוקער, אַנדערע לייגן צוויי לעפלעך און מ'קען אויך לייגן דריי לעפלעך צוקער. **יעדע זאַך קען מען ממתיק זיין אויף עטליכע סאָרט מדריגות.** די פּראָבלעמען פון אַ מענטש ווערן מסודר געוואָנדן לויט ווי שטאַרק דו ביזט געוואָרן נאָנט צום אויבערשטן.

דער אור החיים הק' און דער מהר"ל לערנען אונז, אַז ווען פאַר אַ מענטש גייט עפּעס נישט כרצונו און ער האָט געזאָגט מיט זיין מויל אַז ער איז דאָס מקבל אויף זיך, ווייל ער גלייבט אַז ס'איז גוט און כ'דאַרף נישט וויסן פאַרוואָס, **איז דער איד יעצט אַרויפגעגאַנגען אַ שטאַפּל אין בטחון**, און דעריבער האָט ער יעצט **אַריינגעלייגט אַ לעפל צוקער אין די ביטערקייט!**

אויב וועט ער זיך שטעלן זינגען צום רבוש"ע אין דעם מצב, **האָט ער אַריינגעלייגט צוויי לעפלעך צוקער!**

אויב דער מענטש וועט זיך עס חזר'ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אפילו ס'טוט אים זייער וויי, אפילו ס'איז גאָרנישט אַזאַ גרינגע דורכגאַנג, אָבער ער איז זיך ווייטער מחזק מיט בטחון, **האָט ער יעצט אַריינגעלייגט דריי לעפלעך צוקער!**

## וויפיל מער התחזקות בבטחון, אַזויפיל מער וועט זיין די ישועות

דאָס הייסט אַז עס אַרבעט נישט אַלעמאָל אויף אַן אופן אַז: "איך האָב געזאָגט 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' און איך בין גלייך געהאָלפן געוואָרן".

אַסאַך מאָל געשעט דאָס אויך, אָבער זייער אַסאַך מאָל, ווען זאַכן זענען קאָמפּליצירט און פאַרוויקלט, אַרבעט דאָס אַז **דער מענטש דאַרף זיך כסדר שטאַרקן מיט בטחון**, ער דערמאַנט זיך אַ וואָרט פון אמונה, ער זאָגט איבער אַ וואָרט פון בטחון, ער הערט פון אַ צווייטן חיזוק, פון די אַלע זאַכן ווערסטו נענטער צום אויבערשטן, און אַז דו ווערסט נענטער צו השי"ת ביזטו מער אַ בעל בטחון און עס וועט זיין מער 'חסד יסובבנו'!

# חודש ניסן

## הכנה מילתא היא;
די ריכטיגע צוגאַנג צו דעם לחץ פון אַריינברענגען דעם יו"ט פּסח

יום ב' ויקרא ב' ניסן תשפ"א

א

# העבודה הזאת לכם; די אָנגעצויגנקייט בעפאָר פּסח אין אידישע שטיבער

### די לחץ אין די יעצטיגע טעג איידער יום טוב

אין די טעג ווען אידישע קינדער גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב פּסח, איז דאָ אַ גרויסע לחץ ביי מענטשן. מען דאַרף דאך האָבן אַ סייעתא דשמיא צו קענען רייניגן די גאַנצע שטוב און אָניאָגן אַלע צרכי החג. איבערהויפּט ביי די ווייבער שול איז דאָ אַ שטאַרקע לחץ אַז מ'זאָל מצליח זיין צו ענדיגן און אַריינברענגען דעם יום טוב.

ווער רעדט נאָך ווען ס'איז ב"ה דאָ קליינע קינדער וועלכע דרייען זיך אונטער די פיס. וויפיל מען שיקט זיי אַרויס איז עס אַלעמאָל 'משלחת וחוזרת', מ'האָט קוים אויסגערייניגט דעם חמץ און נאָכאַמאָל האָבן די קינדער איבערגעקערט...

### טרדות בגוף און טרדות פון געלט

דאַרף מען געדענקן אַז דער רבוש"ע האָט געוואוסט דערפון! דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז ס'וועט זיין משפּחות מיט יונגע קינדער אין קליינע דירות, און טראָצדעם האָט ער אונז אַזוי אויסגעשטעלט אַזאַ סאָרט הכנה צום יום טוב.

השי"ת האָט געוואוסט אַז מ'וועט זיין גוט פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט, מ'וועט האָבן אַ לחץ אַז ווער ווייסט צי מ'וועט אָניאָגן אַלעס. ער האָט געוואוסט אַז די פרויען וועלן זיין אָנגעצויגן ווייל די אחריות פון די שטוב פאַלט אויף זיי, און די מענער וועלן זיין אָנגעצויגן ווייל זיי האָבן די אחריות אויף די געלט זאַכן, אַז ס'זאָל זיין גענוג אויף הוצאות יום טוב.

מ'זעט פון די מעשיות אין אַלע דורות אַז ס'איז אייביג געווען אַ גרעסטע דאגה: "פון וואו וועט מען האָבן צרכי החג", ווי ס'איז טאַקע ידוע די סגולה פון הייליגן **קאָזניצער מגיד** זי"ע, צו דערציילן די דריי מעשיות, אַז מ'זאָל האָבן אויף צרכי החג בהרחבה.

### טרדות פון חומרות און הידורים

איבערהויפּט אַ איד וואָס איז אַ ירא שמים האָט באַזונדער אַ לחץ, אַז דער יום טוב זאל טאַקע זיין מיט'ן גרעסטן הידור; אַלע חומרות און אַלע מצוות החג זאלן זיין אויפ'ן בעסטן אופן. ס'איז דאָ אַסאַך זאַכן וואָס קענען ברענגען אַן אָנגעשטרענגקייט בעפאָר יום טוב.

די לחץ איז ממש ווי אַ חלק פון די הכנות צום יו"ט.

### טרדות אין פאַרשידענע אַנדערע זמנים

אַז מאיז זיך אַביסל מתבונן וועט מען זען אַז נישט בלויז ערב פּסח איז דאָס די מציאות. ס'איז דאָ פאַרשידענע זמנים אין אַ אידישע לעבן וואָס ווערט באַגלייט מיט אַזעלכע סאָרט אָנגעצויגענע סאָרט מצבים.

די בעסטע דוגמא דערצו איז דער זמן ווען אַ איד מאַכט חתונה. ס'איז דעמאָלט דאָ אַזויפיל פּרטים מיט אַזויפיל טרדות וואָס דאַרף קלאַפּן, ומצד שני דאַרף ער דעקן די גרויסע הוצאות, וואָס צומאָל נעמט דאָס אַוועק היבש פון די שמחה. ווייל די אַלע טעג איידער די חתונה איז ער ממש נישטאָ בכלל צוליב די פילע טרדות און דעריבער קען ער זיך נישט אינגאַנצן פרייען. דאָס איז אַביסל אַ חסרון פאר די שלימות פון דער שמחה.

### פאַרוואָס פעלט אויס די אַלע טרדות?!

שטעלט זיך די פראַגע: דער רבוש"ע איז דאך אַ כל יכול, ער וואָלט געקענט מאַכן אַז מ'זאָל זיך יאָ פרייען מיט די גאַנצע האַרץ ביי אַ שמחה?!

די זעלבע שאלה פרעגט זיך לגבי יום טוב פּסח: מענטשן פאַלן אַריין צום יום טוב אַזוי פאַריאָגט און אויסגעמוטשעט. וויפיל מענטשן קומען אָן צום סדר ממש אַזוי שטאַרק פאַרמאַטערט אַז ס'שטערט זיי באמת צו פראַוון דעם סדר כדבעי, פאַרוואָס האָט דאָס השי"ת אויסגעשטעלט?! דער אויבערשטער וואָלט דאך געקענט אויסשטעלן אויף אַ וועג אַז מ'זאָל יאָ קענען צוגיין מיט אַ רואיגקייט צום יום טוב?!

### די צוויי מהלכים פון דעם צר הרע

אין אַזעלכע פעלער וויל דער יצר הרע אַז מיר זאָלן זיך אויפפירן אויף איינע פון די צוויי וועגן:

אָדער זאָל מען טאַקע ווערן פאַרלוירן פון די פילע לחץ; מ'זאָל מען אָנהויבן שרייען און ווערן אויסער זיך מיט כעס; די דרוק און טרדות זאל גענצליך איבערנעמען דעם מענטש.

אָדער, וויל דער יצר הרע, אַז דער מענטש זאל אַריינגיין אין אַזאַ סאָרט יאוש. לאו דוקא אַ יאוש וואָס טראָגט דעם אָפיציעלן נאָמען 'יאוש', נאר אַזאַ צוגאַנג פון: "ס'וועט זיין וואָס ס'וועט זיין, ס'איז נישט קיין גרויסע חילוק, אַלעס איז פיין"...

דער מהלך המחשבה נעמט זיך דערפון וואָס דער מענטש טראַכט אַז "איך גיי דאך סייווי נישט מצליח זיין". אַזויווי דער בחור אין ישיבה וואָס האָט שוין אויפגעגעבן, ער ווייסט אַז ער גייט שוין נישט מצליח זיין, דעריבער מאַכט ער ליצנות. דאָס קומט נישט ווייל ער האָט באמת אַ רואיגקייט, ער נוצט די גלייכגילטיגקייט אַלס אַן עצה.

אויף ענגליש איז דאָ דערויף אַ טערמין Coping mechanism, דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ אַזאַ סיסטעם אין דעם נפש, וואָס דער מענטש נוצט כדי צו אַנטלויפן פון דעם פּראָבלעם. ער באַרואיגט זיך נישט באמת, נאר עס ליגט אונטער דעם אַ יאוש אַז היות איך גיי סייווי נישט מצליח זיין, וועל איך ענדערש לאַכן דערפון. דאָס איז אַ געמיש פון 'עצלות' מיט 'יאוש'.

### דער רצון ה' איז צו טרעפן דעם ריכטיגן וועג

דער יצר הרע וויל אַז דער מענטש זאל נעמען איינס פון די צוויי מהלכים, אָדער דער מהלך פון אַ לחץ מיט אַ כעס און אַ פאַרלוירנקייט, אָדער די מהלך פון "לאָז אָפּ, ס'איז גוט וויאַזוי ס'איז... מדאורייתא דאַרף מען נישט בודק זיין און ס'איז גענוג אַ ביטול בלב... פירורים ווערן דאך במילא בטל... ביי די מלחמה האָט מען נישט געהאַט קיין בעסערע מַצות... לגבי חומרות האָט מען זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן... ס'איז גוט, ס'איז פיין..." ער נעמט אָן מיט אַזאַ רואיגקייט די גאַנצע מעשה, אָבער באמת קומט דאָס נישט פון אַ גוטן מקור. ס'קומט נישט פון ערליכקייט.

דער רבוש"ע וויל אָבער אַז מיר זאָלן יאָ טרעפן דעם אמת'ן וועג וויאַזוי צוצוגיין צו די נושא פון טרדות בעפאָר יום טוב! דער רצון ה' איז אַז מיר זאָלן האָבן דעם ריכטיגן צוגאַנג, צו קענען פארנעמען אַזעלכע סאָרט מצבים ווען די לחץ איז אַביסל מער פון די כוחות הנפש. צום ביישפּיל: איידער מען מאַכט חתונה און מ'האָט נישט קיין געלט, אָדער מען שטייט בעפאָר פּסח און מ'איז אָנגעלייגט מיט אַרבעט, וכדומה.

ב

# לא עליך המלאכה לגמור; די עבודה פון אַ איד איז נאָר צו מאַכן דעם 'אָנהויב'

### הייב בלויז אָן; פון הימל וועט מען שוין ענדיגן

די קלאָרסטע און אמת'ע מהלך איז געבויעט אויף די הייליגע ווערטער וואָס חכמינו ז"ל זאָגן אונז (שבת קד ע"א, יומא לט ע"ב): "הבא לטהר מסייעין אותו".

אויף אַזעלכע סאָרט מצבים איז געזאָגט געוואָרן די ווערטער!

ווען אַ מענטש וויל טון די ריכטיגע זאַך, ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ וועג צו טון דעם רצון ה', **דעמאָלט**

**איז דאָ אַן הבטחה פון דעם אויבערשטן אַז ער גייט דיך העלפן!** מסייעין אותו!

ווען אַ מענטש שפירט אַז ער האָט נישט גענוג כוחות, נישט גענוג צייט און נישט גענוג מעגליכקייט, אַז ער זאָל קענען צוקומען דאָרט וואו ער דאַרף אָנקומען. "איך דאַרף נאָך ענדיגן אַזויפיל זאַכן אויף פסח, ס'איז נישט קיין ווערטל. מ'דאַרף נאָך טון אַזויפיל זאַכן". זאָל ער וויסן אַז **אויב דו וועסט טון דיינס, וועט דיך השי"ת העלפן, ער וועט דיך באַגלייטן און ער וועט עס צוענדיגן פאַר דיר!**

דאָס איז אַ יסוד אין אידישקייט: **דו דאַרפסט נאָר אָנהויבן און פרובירן צו טון וויפיל דו קענסט און דאָס איבעריגע וועט זיין 'הבא לטהר מסייעין אותו'.**

## השי"ת פאַרלאַנגט נישט קיין תוצאות

לכאורה דאַרף מען טאַקע פאַרשטיין: פאַרוואָס טאַקע גיט דער אויבערשטער די הבטחה פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'; העכסטנס וואָלט געדאַרפט זיין אַז ווען אַ איד טוט וואָס ער דאַרף און ער קען דאָס נישט צוענדיגן וועט מען אים נישט מעניש זיין, ווייל "אונס רחמנא פטרי", אָבער וואו קומט דאָ אַריין די זאַך פון 'מסייעין אותו'?!

די תשובה איז וויבאַלד **דער אויבערשטער האָט קיינמאָל נישט געבעטן פון דעם מענטש אַז ער זאָל ברענגען די פאַקטישע תוצאות!** דער רבוש"ע זאָגט פאַר'ן מענטש: די תוצאות קענסטו סיווי נישט מאַכן! כ'האָב דיר קיינמאָל נישט געגעבן די כוחות צו אויספירן זאַכן אויף למעשה! אפילו ביי קלייניגקייטן וואו דו רעדסט זיך איין אַז דו קענסט יאָ אויספירן, האָסטו אָבער אַ טעות, באמת קענסטו גאָרנישט אויספירן!

די שורש הדבר פאַרוואָס ס'איז 'הבא לטהר מסייעין אותו' איז **וויבאַלד דער מענטש איז נישט געקומען אויף דער וועלט כדי צו משלים זיין זאַכן**, אַזויווי די **משנה** זאָגט (אבות פ"ב מט"ז) 'לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה'. דו ביזט מחויב זיך אַוועקצוזעצן און אָנהויבן לערנען, ביזט מחויב זיך אַוועקצושטעלן און אָנהויבן טון מצוות ומעשים טובים. אָבער די תוצאות איז נישט דיין אויפגאַבע, לא עליך המלאכה לגמור!

## די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם 'ראשית'

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע שטיקל אין דעם ספר **כתבי ר' משה מידנער** זצ"ל, בשם הרה"ק רבי **משה קאָברינער** זי"ע וואָס האָט נאָכגעזאָגט פון זיין רבי דער הייליגער **לעכאוויטשער** זי"ע, אויפ'ן מאמר חז"ל: **'בראשית ברא, בראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית, בשביל התורה שנקרא ראשית'.**

האָט דער לעכאוויטשער געזאָגט: **'שהאדם אינו עושה אלא הראשית'** - אַ מענטש קען דאָך נאָר טון דעם אָנהויב. אַ מענטש קען בלויז אָנהויבן צו טון. **'אך עיקרו של דבר וגופו הכל מן עזר השם'** - די זאַך אַליין און די תוצאות דערפון דאָס איז נאָר פון דעם אויבערשטן.

מיט דעם טייטשט ער: 'בראשית בשביל ישראל ובשביל התורה', דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט פאַר די אידן צו מקיים זיין די תורה, **אָבער די קיום המצוות איז נאָר די 'ראשית' פון די מצוות!**

## מ'דאַרף נאָר אַז דו זאָלסט אָנהויבן

דער רבוש"ע זאָגט: **"איך דאַרף נישט פון דיר אַז דו זאָלסט מיר ברענגען הצלחות מיט'ן ענדיגן**, ווייל דו קענסט דאָס סיווי נישט באַוויזן! ווען דו רעדסט זיך איין אַז דו ברענגסט עס, איז דאָס אויך נישט פון דיר! דו קענסט סיווי נישט!"

דער אויבערשטער וויל בלויז אַז דער מענטש זאָל זיך נעמען טון למעשה, און דערנאָך וועט אים השי"ת צוהעלפן צו קענען ענדיגן.

פירט דער לעכאוויטשער אויס אַז דאָס איז פשט פון דעם מאמר חז"ל **'הבא לטהר מסייעין אותו'** - כ'האָב באַשאַפן די גאַנצע וועלט 'בשביל ראשית' און דאָס וויל איך פון דיר, **דאָס בעט איך פון דיר!** נאָכדעם זאָלסטו וויסן אַז די תוצאות דערפון, די המשך דערפון און די הצלחה דערפון, דאָס איז אַלעס פון דעם אויבערשטן!

## ווען ס'איז גרינג האָסטו אויך נישט געקענט ענדיגן...

דער מענטש שטייט און וואונדערט זיך: "וויאַזוי גיי איך ענדיגן?! וויאַזוי גיי איך אָניאָגן?! וויאַזוי גיי איך האָבן גענוג געלט?!".

באמת איז אויף די שאלות נישטאָ קיין תשובה. ווייסט פאַרוואָס? ווייל ס'איז אַ טעות די גאַנצע שאלה!

פאַרוואָס פרעגסטו די שאלה נאָר ערב פסח, ווען דו הייבסט אָן רעכענען: "איין מינוט, די קאָך איז נאָכנישט געמאַכט, און מ'דאַרף דאָך האָבן כאָטש דריי טעג צו קאָכן, די חשבון שטימט נישט"... **פאַרוואָס נעכטן, ווען דו האָסט געדאַרפט עפעס טון פאַר'ן אויבערשטנס וועגן, האָסטו נישט געפרעגט די שאלה "וויאַזוי גיי איך ענדיגן"?!**

דעמאָלט ביזטו געווען רואיג, ווייל דו האָסט געהאַלטן אַז דו קענסט יאָ מצליח זיין. אָבער יעצט זעהסט נישט וויאַזוי דו קענסט, איז דעריבער געוואָרן אַ קשיא: "ואם תאמר, דאָס יאָר איז אויסגעקומען פונקט אַז איך מאַך חתונה בעפאַר פסח און ס'קומט מיט אַזויפיל טרדות"...

די גאַנצע הנחה איז אָבער נישט אמת! קיינמאָל קענסטו נישט ענדיגן אַליין! אַלעמאָל איז דער כלל פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'! וואָס איז דען אַ חילוק פון אַזאַ יאָר ביז אַ צווייטע יאָר?! **וואָס איז דען אַ נפקא מינא צי ביזט אָנגעשטרענגט צי נישט?!** דאָס איז שוין דעם אויבערשטנ'ס חלק! די תוצאות איז נישט דיין חלק!

## דיין חלק איז בלויז אָנהויבן; אַלעס אַנדערש לאָז פאַר השי"ת

דאָס זעלבע איז נישט קיין חילוק אויב דער מענטש דאַרף האָבן אַסאַך געלט אָדער ער דאַרף האָבן ווייניג געלט.

צום ביישפיל, ס'האָט זיך אויסגעשטעלט אַז אַ איד האָט געטון אַ שידוך וואו ער דאַרף ברענגען 75 פּראָצענט פון די הוצאות החתונה, זאָל ער געדענקען אַז די חילוק איז נישט אין זיין חלק! די נפק"מ איז אין דעם חלק פון דעם אויבערשטן. דיין חלק איז סיווי נאָר צו אָנהויבן, און דער רבוש"ע וועט שוין ענדיגן; אַמאָל וועט ער ענדיגן די 50 פּראָצענט, און אַמאָל וועט ער ענדיגן 75 פּראָצענט; **וואָס איז עס דיר משנה?! דיין חלק פון 'אָנהויבן' איז געבליבן די זעלבע זאַך.**

דאָס איז נוגע ביי יעדע ענין פון לחץ, ווען אַ מענטש מאַכט זיך חשבונות וויפיל צייט ער האָט, ווי פאַרמאַטערט ער איז, און אַלע ענליכע סאָרט חשבונות פון "וויאַזוי וועל איך האָבן די כוחות?!" - **לאָז שוין אָפּ!** דו דאַרפסט בלויז אָנהויבן, און דער רבוש"ע וועט שוין ענדיגן!

## הבא לטהר 'יבטח' שהקב"ה יסייענו

דער **שלי"ה הק'** (עשרה הילולים סימן ד') ברענגט דעם מאמר חז"ל: 'הבא לטהר מסייעין אותו', און ער לייגט צו איין וואָרט - וואָס לערנט אונז ווען און וויאַזוי מיר זאָלן נוצן דעם מאמר חז"ל: **"הבא ליטהר 'יבטח' שהקב"ה יסייענו"**.

דער שלי"ה הק' האָט אַריינגעברענגט דאָס וואָרט 'בטחון' צווישן 'הבא לטהר' און 'מסייעין אותו'. ער האָט אַריינגעשטעקט דאָרט דאָס וואָרט, צו זאָגן אַז דאָ ליגט דער תירוץ אויף די אַלע סאָרט קשיות. מ'דאַרף פשוט דערהערן וויאַזוי מרגיל צו זיין דעם מח, צו טראַכטן ריכטיג וויאַזוי דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן נוצן דעם מח.

## די מחשבה פון דעם בעל בטחון אין אַ פינאַנציעלע שוועריגקייט

בדרך כלל, אַ איד וואָס לעבט אַביסל מיט בטחון, און יעצט פעלט אים געלט, ווייסט ער אַז דער חובת הלבבות (שער הבטחון פרק שני און אָנהויב פרק שלישי) גיט אונז אַ ליסטע פון 7 מחשבות וויאַזוי אַ מענטש קען אָנקומען צו דעם געפיל פון בטחון אין יעדן שווערן מצב.

ווען דער מענטש טרעפט זיך אַז ער האָט נישט גענוג געלט, ער דרייט מיט חובות און ער ווייסט נישט 'מאין יבוא עזרי', גלייבט ער אַז דער רבוש"ע איז 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים', דער רבוש"ע ווייסט וואָס איך גיי יעצט אַריבער, ער קען מיך העלפן. אין מעצור לה' להושיע! דער רבוש"ע האָט אַ מורא'דיגע רחמנות אויף מיר ווייל דער אויבערשטער איז זיך מרחם אויף מיר מער פון אַלעמען, און ער ווייסט וואָס איז די בעסטע זאַך פאַר מיר!

ווען אַ מענטש חזר'ט זיך די יסודות שפירט ער: "די יעצטיגע מציאות איז די בעסטע זאַך פאַר מיר! דער רבוש"ע וועט מיך נישט פאַרלאָזן! **וויאַזוי פונקט גייט די ישועה קומען? איך ווייס נישט און איך דאַרף נישט וויסן!** איך ווייס איין זאַך אַז דער אויבערשטער האָט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט און ער גייט מיך ווייטער נישט פאַרלאָזן! דער אויבערשטער ווייסט וואָס איך גיי דורך און ס'וועט זיכער זיין גוט!".

דער פסוק פון 'טוב ה' לכל' מיט די אַלע יסודות האמונה באַגלייט אַזאַ איד, צו זיין רואיג און ס'זאָל אים נישט שטערן די אָנגעשטרענגטע מצב!

## די מחשבה פון דעם בעל בטחון לגבי רוחניות

דאָס זעלבע איז שייך ווען אַ מענטש דאַרף מקיים זיין אַ מצוה און ער ווייסט נישט וויאַזוי ער גייט מצליח זיין צו קענען דאָס מקיים זיין עד הסוף. הייבט ער אָן טון די מצוה און ער זאָגט אַזוי: **דער רבוש"ע ווייסט דאָך אַז כ'דאַרף מקיים זיין די מצוה, דער רבוש"ע ווייסט דאָך אַז איך האָב אַזאַ סאָרט שטוב, מיט אַזעלכע קינדער, מיט אַזאַ סאָרט שוואַכקייט!** דער רבוש"ע ווייסט אַז איך מוז שלאָפן געהעריג ביינאַכט, איך קען נישט ריינגען אויף פסח נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט, ס'איז נישט פאַר מיינע כוחות. **דער אויבערשטער ווייסט די אַלע זאַכן!** ער האָט מיך געגעבן די מצוה פאַר מיין טובה און ער וועט מאַכן אַז ס'זאָל זיך ענדיגן לטובה. ער גייט מיך נישט פאַרלאָזן!

אַזאַ מענטש דרייט זיך נישט אַרויס מיט אַזעלכע סאָרט ווערטער ווי: "ס'איז נישט אַזוי וויכטיג... ס'איז נישט קיין דאורייתא... מ'דאַרף נישט". ער דאַרף נישט יעצט מוותר זיין אויף די אַלע ענינים, ער דאַרף בכלל נישט גיין אין יענע ריכטונג. נאָר ער זאָגט: וואָס דאַרף מען טון יעצט?! איך גיי אָנהויבן טון וואָס מ'דאַרף! דער אויבערשטער וועט שוין העלפן און צוענדיגן. אפשר וועלן אָנקומען צען מענטשן מיך צו העלפן, אָדער אפשר וועט פאַסירן אַנדערע זאַכן... איך ווייס נישט און כ'דאַרף נישט וויסן גענוי וואָס עס גייט זיין!

## דער בוטח בה' דאַרף נישט זאָרגן וועגן שלאָף

דאָס זאָגט דער פסוק "וקוי ה' יחליפו כח', דאס וואָרט 'קוי' איז אַ לשון פון בטחון און האָפענונג. ווען אַ איד האָפט אַרויס צום אויבערשטן, זאָגט דער פסוק אַן הבטחה אַז **דער אויבערשטער וועט אים העלפן און געבן כח צו אויספירן אַלעס וואָס ער דאַרף!**

ס'איז דאָ מענטשן וואָס רעכענען אויס וויפיל שעות זיי זענען געשלאָפן: "אויב איך בין געשלאָפן דריי אַהאַלב שעה אָדער פיר שעה בין איך דאָך פאַרמאַטערט". אפילו ער שפירט נאָכנישט פאַרמאַטערט זאָגט ער "אוי בין איך מיד" וויאַזוי ווייסט ער? "אָהאַ, ווייל כ'בין דאָך נעכטן גאָרנישט געשלאָפן"...

נאָכמער, ביינאַכט אין בעט איז ער שוין אין אַ געוואַלדיגע לחץ: "אויב כ'וועל נישט יעצט איינשלאָפן וועל איך נישט קענען מאָרגן אָנגיין". דאָס העלפט טאַקע אַז מ'זאָל באמת נישט קענען שלאָפן. דער מענטש ווערט אָנגעצויגן ביז גאָר. ווער רעדט נאָך אויב ס'איז דאָ אַ רעש פון איינער וואָס האָט אים געשטערט די שלאָף ווערט ער בכעס: "פאַרוואָס לאָזט מען מיך נישט שלאָפן, כ'מוז דאָך שלאָפן צו קענען מאָרגן פונקציאָנירן"...

**לאָז שוין אָפּ! וקוי ה' יחליפו כח!** גלייב און וויס אַז דער אויבערשטער וועט דיך געבן כח אָן קיין שייכות צו די שעות וויפיל דו ביזט געשלאָפן!

ג

# וצדיקים ככפיר יבטח; לייג אַוועק אַלע חשבונות און זיי מקיים די מצוות מיט אַ רואיגקייט

## צו זיין אַ צדיק מוז מען זיין אַ בעל בטחון

אין ספר **רבינו בחיי**, אָנהויב פרשת פנחס, שטייט אַ מוראדיגע יסוד, וואָס ס'איז זייער וויכטיג דאָס צו לערנען און געדענקן יעצט ווען מ'האַלט אינמיטן די הכנות צום יום טוב פסח.

דער רבינו בחיי רעדט דאָרט פון פנחס וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ שכר, ווייל ער האָט נישט געמאַכט קיין שום חשבונות: אפשר וועט מען מיך הרג'ענען?! אפשר וועט פאַסירן אַנדערע זאַכן?! נאָר ער האָט געטון די מצוה מיט אַן אמונה אַז דער אויבערשטער וועט אים זיכער העלפן.

ברענגט דער רבינו בחיי דעם פסוק וואָס **שלמה המלך** ע"ה זאָגט (משלי כח, א): "**צדיקים ככפיר יבטח**". דער צדיק איז זיך בוטח אַזוי ווי אַ יונגער לייב - די טייטש דערפון איז אַז **אַ צדיק קען נישט זיין קיין צדיק, נאָר אויב ער איז אַ בוטח בה'**. איז דער רבינו בחיי מסביר פאַרוואָס טאַקע?! ווייל כדי צו מקיים זיין מצוות דאַרף מען אַסאַך מאָל מוותר זיין אויף שלאָפן ביינאַכט, מ'דאַרף האָבן אַסאַך יגיעת הגוף. דעריבער, **אויב דו ביזט נישט קיין בוטח, דעמאָלט קענסטו נישט מקיים זיין די מצוות!**

## אָן קיין בטחון באַזייטיגט מען כסדר מצוות

איינער וואָס האָט נישט קיין בטחון באַזייטיגט כסדר מצוות ווייל "וואָס זאָל איך טון? כ'האָב נישט קיין כח". דער מענטש זאָגט: "אויפשטיין ערב יום הכיפורים ביים עלות צו כפרות?! כ'קען נישט! כ'דאַרף פאַסטן מאָרגן און ס'איז דאָ אַ לאַנגע נאַכט פון יוה"כ ווען כ'דאַרף זאָגן תהלים!". ווען ס'קומט פסח ביינאַכט מאַכט ער אַ שנעלע ליל הסדר ווייל: "מ'דאַרף דאָך האָבן כח צו אויפשטיין מאָרגן צום דאַווענען". די סאָרט מענטשן קומען בדרך כלל אויך שפּעט צום דאַווענען... אָבער זיי זענען אַלעמאָל אין אַ לחץ אַז זאַכן זאָלן שטימען און גאָרנישט זאָל נישט אַרויסגיין פונעם סדר.

ער דאַרף גיין טון אַ גמילות חסד פאַר אַ צווייטן איד, אָבער גלייך טראַכט ער: "אויב איך גיי מאַכן די חסד, וועט דאָך עס זיין אויפּן חשבון אַז כ'וועל נישט קענען דאַווענען געהעריג"... קומט אויס אַז ער קען קיינמאָל נישט מקיים זיין תורה ומצוות ווייל עס פעלט אים זיין בטחון.

## דער בעל בטחון קען אַלעס באַוויזן

אָבער - זאָגט דער רבינו בחיי - אַ צדיק איז 'ככפיר יבטח'! דער צדיק ווייסט אַז דער אויבערשטער וועט אים העלפן צו מצליח זיין, דעריבער קען ער מקיים זיין אַלע ענינים, ס'איז נישט קיין סתירה צווישן איין מצוה מיט די אַנדערע.

דער ערליכער איד קען רואיג עוסק זיין סיי 'בין אדם לחבירו' און סיי 'בין אדם למקום', און ער באַווייזט אַלעס צו משלים זיין, ווייל ער האָט בטחון אַז השי"ת גייט אים העלפן צוענדיגן! מענטשן וואונדערן זיך: וויאַזוי האָט ער צייט פאַר 'כיבוד אם ואם' אין די פאַרנומענע ערב פסח?! וויאַזוי האָט ער יעצט צייט צו העלפן שלעפן פאַר זיינע עלטערן?! למען ה', ער דאַרף דאך לערנען, ער האָט דאָך אַן אייגענע אחריות פאַר זיין שטוב?! **דער תירוץ איז: וקוי ה' יחליפו כח!**

אודאי מוז נישט זיין אַז יעדער מענטש איז געמאַכט פאַר יעדע סאָרט זאַך, אָבער דער עיקר איז צו געדענקן דעם רעיון, און זיך אליינס מתבונן זיין. קוק ווי בלחץ דו ביזט ווייל דו מיינסט אַז ס'קען נישט פאַסירן. **לאָז שוין אָפּ! דער אויבערשטער וועט דיך געבן די כוחות צו קענען מקיים זיין אַלעס וואָס דו ביזט מחויב צו טון!** דער מענטש דאַרף נאָר אָנהויבן, און דער סוף וועט זיין אַז וקוי ה' יחליפו כח!

## דער חסיד וואָס איז שיכור געוואָרן ערב יו"כ

אַ חסיד פון דעם הייליגן **בעל התניא** זי"ע, האָט אַמאָל אין אַן ערב יו"כ זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ סומע פון דריי הונדערט רובל פאַר פדיון שבוים, צו באַפרייען אַ איד פון תפיסה. דאָס איז געווען זייער אַ ריזיגע סומע וואָס איז ממש נישט געווען שייך צו באַקומען אין אַזאַ קורצע צייט. אָבער אַרומגייענדיג נאָך געלט האָט ער געטראָפן אין אַ קרעטשמע דריי גבירים וואָס האָבן אים אָנגעטראָגן אַז פאַר יעדע גלאָז משקה וואָס ער וועט טרונקן וועלן זיי אים צולייגן נאָך געלט, ביז ער וועט אָנקומען צו די סומע וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן.

דער חסיד האָט נאָך גאָרנישט געהאַט געגעסן, זייענדיג פאַרנומען צו אַרומלויפן נאָך געלט, אָבער ווען מען האָט אים דאָס אָנגעטראָגן האָט ער נישט געטראַכט בכלל וואָס וועט זיין מיט אים יוה"כ. ער האָט געטרונקן נאָך אַ גלאָז און נאָך אַ גלאָז, ביז ער האָט באַקומען דאָס געלט און איז אַנידערגעפאַלן אינגאַנצן שיכור. שפּעטער האָט מען אים געטראָגן אין שול, וואו מען האָט אים אַוועקגעלייגט שלאָפנדיגערהייט. ווען דער ציבור איז אָנגעקומען צו כל נדרי האָט דער חסיד זיך ערוועקט, ער איז אַרויף געגאַנגען צו דער בימה און אָנגעהויבן זאָגן 'אתה הראת'...

האָט דער הייליגער בעל התניא געזאָגט: די גאַנצע

### אותיות מחכימות

רבינו בחיי ריש פרשת פנחס

וידוע שאין אדם נקרא צדיק אלא הבוטח בו, כענין שכתוב (משלי כח) וצדיקים ככפיר יבטח. כי כל אחד מהם בוטח בשם יתעלה ככפיר הבוטח בכחו.

**ולמדך הכתוב כי הצדיק ירוץ בבטחונו להשתדל במצות ויעבוד השם יתברך לילה ויום ויטרח לכבוד שמו ולא ילאה, כי נפשו השכלית תאמצהו ותוסיף בו כח.**

וכן אמר הנביא (ישעיה מ) וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים ירוצו ולא ייגעו ילכו ולא ייעפו, כי יטרחו טורח גדול ולא ייגעו.

**כי יש מצות צריכות טורח גדול ועמל יתר, כגון פדיון שבויים והצלת נפשות שהם מצות שצריכות זריזות גדולה. ועל זה אמר ירוצו ולא ייגעו, ירצה לומר כי הצדיקים מחליפין כח וגבורה בעבודה ובמצות ועל כן אינן נלאים.**

וכן יש מצות שהם צריכות שקידה והתמדה כגון תלמוד תורה וקנין מדות היראה, צריך האדם שירגיל עצמו בהם עד שההרגל בהם יחזור לו לטבע, ואמר על זה ילכו ולא ייעפו, ולשון ילכו מלשון (בראשית יז) התהלך לפני, שתרגום הלוך ברחלתי, והכונה שישתדלו במדת היראה ולא יחזור להם לעייפות.

ושתי מדות אלו מצאנום בפינחס שהיה ירא את ה' ובטח בו כדי לקדש את שמו, הוא שכתוב (מלאכי ב) בריתי היתה אתו החיים והשלום ואתנם לו מורא וייראני ומפני שמי נחת הוא, באר הכתוב כי נתן לו שתי מדות אלו שהם החיים והשלום בשכר שתי מדות שהיו בו היראה והבטחון, היראה זהו ואתנם לו מורא בשכר המורא שירא אותי, **הבטחון זהו מפני שמי נחת הוא, שבטח בשם יתעלה לבא כנגד כל השבט להרוג הנשיא שלהם ובת המלך, והיה קרוב להיותו נהרג, ונחת מפני שמי,** ועל כן זכה וזכה בעשותו המעשה הזה וקנא לשם הגדול והשיב את החמה, זהו שכתוב.

עבודה וואָס מיר אַרבעטן אין די הייליגע טעג, ראש השנה, יוה"כ, סוכות און שמיני עצרת, איז אַלעס צו אָנקומען צו דעם 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו', **אָבער דער חסיד איז שוין צוגעקומען יעצט צו דער מדריגה פון 'אתה הראת'!**

## דער חשבון פון דעם חסיד; איך מאַך נישט קיין חשבון!

לאָמיר אַריינקלערן: וואָס איז געווען די חשבון פון דעם חסיד וואוסנדיג אַז ס'איז ערב יוה"כ און אויב ער טרינקט גייט ער נישט קענען פראַוון אַ געהעריגן יוה"כ?! די תשובה איז: **זיין חשבון איז געווען אַז ער מאַכט נישט קיין חשבון!** ס'איז דאָ אַ איד וואָס מ'דאַרף יעצט אַרויסנעמען פון תפיסה! **איי, וואָס וועט זיין מיט מיין יוה"כ?! איך ווייס נישט! דאָס וועט שוין דער רבוש"ע מסדר זיין!**

דער חסיד איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, און **אַדאַנק דעם איז ער טאַקע צוגעקומען צו די גרעסטע מדריגה צו וואָס מ'דאַרף צוקומען!** טאַקע וויבאַלד ער האָט נישט געמאַכט אַלע סאָרט חשבונות, נאָר ער האָט זיך אינגאַנצן מבטל געווען זיין דעת פאַר'ן רבוש"ע, וואָס דאָס איז די העכסטע נקודה פון אַ איד!

מענטשן האַלטן זיך צוריק פון טון חסד, מען האַלט זיך צוריק פון טון אַלע סאָרט מצוות, ווייל: "איך קען נישט, ס'גייט מיך שטערן דאָ, ס'גייט מיך שטערן דאָרט"... געדענק אַז 'וקוי ה' יחליפו כח'! מ'דאַרף האָבן דעם ישוב הדעת דאָס גוט צו געדענקן אַלעמאָל!

## געהאַט די געהויבנסטע סדר נאַכט אין לעבן

ס'איז דאָ אַ מעשה וואָס מען דערציילט פון דעם פאַרצייטישן חסיד, רבי **ניסן פילטשיק** זצ"ל. ער האָט געהאַט אַ משרתת וועלכע האָט געהאָלפן רייניגן אין שטוב פאַר פסח. זי איז געווען אַ אידיש קינד אָבער זי איז ליידער געווען היבש ווייט פון אידישקייט.

ווען ס'איז געקומען פאַר פסח האָט ר' ניסן אָנגעהויבן טראַכטן: "ווער ווייסט אויב זי האָט וואו צו זיין ביים סדר נאַכט, נעבעך אַזאַ פרוי האָט דאָך גאָרנישט, אפשר זאָל איך איר איינלאַדענען דאָ צום סדר". אָבער גלייך האָט ער געטראַכט אַז אויב ער וועט איר רופן, וויאַזוי וועט ער קענען פראַוון אַ סדר מיט אַ חיות מיט אַ געפיל. עס פלעגט אים רינען ביים סדר טרערן פון שמחה, הודאה און קרבת אלקים, אָבער אויב זי וועט זיצן דאָ ביים טיש, נאָך אַזוי אָנגעטון, וועט אים עס אפשר שטערן די גאַנצע זאַך.

אָבער דאַן האָט ער זיך מיישב געווען: **"וואָס וויל דער רבוש"ע? אַ אידישע טאָכטער וועט דאָך נישט האָבן וואו צו זיין ביים סדר?!"**. ער האָט טאַקע איינגעלאַדנט די פרוי צום סדר, און שפּעטער האָט ער געזאָגט אַז **ער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַט אַזאַ געהויבענער סדר ווי דעמאָלט!** ס'איז געווען זיין בעסטע סדר נאַכט אין לעבן, ווייל ער האָט אַריינגענומען אַ אידישע טאָכטער און **ער האָט נישט געמאַכט דעם אויבערשטנ'ס חשבונות!**

## די תוצאות זענען סייווי נישט אין אונזערע הענט

דאָס איז אַ גרויסע נסיון פאַר יעדן מענטש. מיר ווילן האָבן די תוצאות און מיר געדענקן נישט אַז מיר דאַרפן בלויז מאַכן די 'ראשית'. **ס'איז עפּעס תלוי אין דיר צו קענען האָבן אַ געשמאַקע דאַווענען?!** אַ מענטש קען דאָך אַלעס האָבן צוגעגרייט און מסודר אָבער מ'קען נישט מאַכן די תוצאות!

מען זיצט אַמאָל ביים סדר, ס'איז אפילו גאָרנישט געשען, גאָרנישט האָט זיך נישט איבערגעקערט, מען איז ניטאַמאָל געוואָרן אין כעס, אָבער עפּעס איז עס נישט געגאַנגען... מ'קען נישט מאַכן קיין תוצאות, דאָס איז דער חלק פון דעם רבוש"ע. דיין חלק איז בלויז צו מאַכן דעם 'ראשית'! די אַלע אַנדערע חשבונות איז לגמרי נישט אונזער תקפיד. ווי דער הייליגער לעכאוויטשער זאָגט "בשביל ראשית נברא העולם", **מאַך נישט קיין חשבונות וויאַזוי ס'וועט אויסקומען די תוצאות!** מאַך נאָר איין חשבון; צי דאָס איז אַ 'ראשית' צי נישט', מיט אַזאַ מהלך המחשבה וועסטו קענען מקיים זיין אַלע מצוות מיט אַ רואיגקייט!

ד

# לא בשמים היא; אַ איד דאַרף בלויז טון די התחלה, דאָס איבעריגע וועט שוין השי"ת משלים זיין

## די הקדמה צו 'עשה טוב' איז בלויז בטחון

דער הייליגער **רמב"ן**, אין ספר 'האמונה והבטחון', זאָגט פשט פאַרוואָס ס'שטייט אין פסוק "בטח בה' ועשה טוב' און עס שטייט נישט 'עשה טוב ובטח בה"', ווייל דאָס קומט אונז לערנען אַז **'רדוף אחרי המצות והשתדל לעשות אותם'** - דער מענטש זאָל נאָכלויפן מצוות און זיך משתדל זיין צו אַריינכאַפּן דאָ אַ מצוה און דאָרט אַ מצוה. **'ואל תתרשל מלעשות הטוב מפני קוצר יכלתך'** - זאָלסט זיך נישט מתרשל זיין צו טון גוטע זאַכן צוליב דעם וואָס דו קענסט נישט. **'כי יסמוך אותך ויעזרך'** - דער אויבערשטער וועט דיך אונטערהאַלטן און ער וועט דיך העלפן.

דאָס - זאָגט דער רמב"ן - איז טייטש 'בטח בה' ועשה טוב', **ווען דו גייסט טון אַ מצוה זאָלסטו צוערשט האָבן בטחון אַז דער אויבערשטער וועט דיך העלפן דאָס אויספירן.** מאַך נישט אַזויפיל חשבונות נאָר גיי טו די מצוה! דער רבוש"ע וועט דיך שוין העלפן! די הקדמה צו 'עשה טוב' איז זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, ווייל נאָר אַזוי קען מען ריכטיג מקיים זיין מצות אָן די אַלע מחשבות.

## נישט קוקן אויף קיין חשבונות ווען ס'קומט צו קיום המצוות

וויפיל מאָל מאַכן זיך מענטשן חשבונות און ער קוקט אַזוי גשמיות'דיג צי עס לוינט זיך מקיים צו זיין די מצוה. דער יצר הרע לייגט אים אַריין אַלע סאָרט מחשבות צי ער זאָל יאָ משקיע זיין אין דער מצוה אָדער נישט משקיע זיין אין דער מצוה. דער מענטש נוצט דערפאַר דעם מאמר 'איזהו חכם הרואה את הנולד', **אָבער באמת איז דאָס בכלל נישט געזאָגט געוואָרן אויף דעם ענין.**

דער טייטש פון 'איזהו חכם הרואה את הנולד' מיינט אַז אַ מענטש זאָל זיין אחריות'דיג ווען ס'קומט צו אַנדערע וועלטליכע זאַכן, ער זאָל אַלעמאָל בודק זיין צי דער אויבערשטער וויל דאָס, צי נישט. אָבער **ווען ס'קומט צו אַ מצוה איז דאָך זיכער און קלאָר אַז דער אויבערשטער אַז דו זאָלסט מקיים זיין די מצוה!** די התרשלות קומט ווייל דו שפּירסט אַ 'קוצר היכולת' ח"ו. **לויף! טו די מצוה!** דער אויבערשטער וועט מסייע זיין בידך, ווי ס'איז דאָ די הבטחה פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'. דער רבוש"ע וואָס האָט דיך געגעבן די מצוה וועט דיך העלפן אַז דו זאָלסט עס קענען ענדיגן! דער אויבערשטער וועט דיך נישט פאַרלאָזן!

## דער חילוק צווישן דעם 'טיפּש' מיט דעם 'פיקח'

אויפ'ן פסוק אין פרשת נצבים 'לא בשמים היא', איז דאָ אַ הייליגע לשון פון מדרש (דברים רבה, ח, יג): **"הטיפש הזה נכנס לבית הכנסת ורואה אותן עוסקים בתורה, והוא אומר להן: היאך אדם למד תורה תחילה? אומרים לו: תחילה קורא במגילה ואח"כ בספר ואח"כ בנביאים ואח"כ בכתובים, משהוא גומר את המקרא, שונה את התלמוד, ואח"כ בהלכות ואח"כ באגדות. כיון ששומע כך, אומר בלבו: אימתי אני למד כל זאת? וחוזר מן השער."**

דער טיפּש קומט אַריין אין בית המדרש און ער זעט ווי יעדער לערנט תורה, אָבער ווען ער הערט וויפיל מ'דאַרף לערנען זאָגט ער: "וויאַזוי וועל איך קענען ענדיגן, ס'איז נישט מעגליך, עה, כ'וועל קיינמאָל נישט דאָס קענען ענדיגן, און ער לויפט אַוועק".

זאָגט דער מדרש ווייטער: **"למה הדבר דומה, לככר שהיה תלוי באויר. טיפּש אומר: מי יוכל להביאו? ופיקח אומר: לא אחד תלה אותו?! מביא סולם או קנה ומוריד אותו"**

די ריכטיגע וועג וואָס אַ מענטש דאַרף טראַכטן איז אַזויווי מ'זעט אַ ברויט הענגט אין די לופטן. דער טיפּש זאָגט, מ'קען דאָס נישט אַראָפּברענגען, אָבער דער פקח זאָגט אַז איינער האָט עס דאָך אויפגעהאָנגען. דער פקח זאָגט: "איין מינוט, איינער האָט דאָך עס געברענגט דאָ". ער טרעפט אַ לייטער אָדער אַ שטעקן און ער קומט צו דערצו.

איז דער מדרש ממשיך מיט'ן נמשל: **"כך, כל מי שהוא טיפש, אומר: אימתי אקרא כל התורה? ומי שהוא פיקח מהו עושה? שונה פרק אחד בכל יום ויום, עד שמסיים כל התורה כולה."**

דער חכם זאָגט: איך ווייס נישט וואָס וועט זיין אָבער איך הייב אָן לערנען! איי, וואָס וועט זיין, ס'גייט דאָך זיין ערב פסח און דעמאָלט וועל איך נישט קענען לערנען? כ'קען זיך דען אונטערנעמען אַז דער שיעור זאָל זיין יעדן טאָג?! איך הייב אָן טון! איך מאַך נישט קיין חשבונות!

## הייב אָן טון וועסטו זען אַז ס'איז יאָ מעגליך

דער מדרש פירט אויס: **"אמר הקדוש ב"ה: לא נפלאת היא, ואם נפלאת היא ממך, שאין אתה עסוק בה".**

איר הערט ווערטער?! דער רבוש"ע זאָגט: די תורה איז נישט ווייט פון דיר! אויב זעהסטו אַז ס'איז יאָ ווייט פון דיר, איז דאָס ווייל דו האסט נאָכנישט אָנגעהויבן! שאין אתה עסוק בה! **ווען דו וואָלסט אָנגעהויבן וואָלסטו געזען אַז ס'איז דאָ עפּעס אַ הימלישע כח וואָס וועט עס מאַכן נאָנטער צו דיר!**

דער מענטש קוקט אָן די ווערטער 'לא בשמים היא' און ער פרעגט: וואָס הייסט ס'איז נישט ווייט?! ד' חלקי שו"ע איז נישט ווייט?! זיין אָפּגעהיטן און מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות איז נישט ווייט?! דער תירוץ איז: בעפאָר דו הייבסט אן איז עס טאַקע ווייט, דאָס איז אייגנטליך דער נסיון אַז ס'זאָל דיך אויסקוקן ווייט, אָבער נאָכדעם וועסטו זען אַז ס'איז בכלל נישט ווייט.

יעדעס מאָל ווען אַ מענטש ווערט בלחץ, מאַכט דאָס אים פּאַראַלאַזירט, ס'איז זיך מתלבש אַזאַ עצבות אויף אים: "וויאַזוי וועל איך קענען ענדיגן"?! זאָגט מען אים: **טאַנץ אַריין! הייב אן! אַזוויוי נחשון בן עמינדב איז אריינגעשפּרינגען אין ים! נאָכדעם עפנט זיך שוין אַ קריעת ים סוף!** הבא לטהר מסייעין אותו! דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט בלויז אַז דו זאָלסט אָנהויבן!

## פאַרוואָס זעט מען נישט דעם 'פתחו של אולם' ביי יעדן איינעם?!

ס'איז ידוע וואָס שטייט פון הרה"ק **מרוזין** זי"ע און פון אַסאַך אַנדערע צדיקים אויפ'ן די מימרא פון **'פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם"**. (באמת קומט דאָס לשון פון מדרש (שיר השירים רבה פ"ה פ"ב) וואו ס'שטייט אַביסל אן אַנדערע נוסח: "אמר הקב"ה לישראל, בני, פתחו לי פתח אחד של תשובה, כחודה של מחט, אני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו". אָבער אין ספרים הק' ווערט יאָ געברענגט דאָס לשון פון 'כפתחו של אולם'. ווי צ.ב.ש. אין אור החיים הק' פרשת ראה, כ, י).

אַלענפאַלס האָבן די צדיקים געפרעגט: מיר זאָגן דאך אין די סליחות 'הכל חפצים ליראה את שמך'. אַלע אידן ווילן דינען דעם אויבערשטן, **אויב אַזוי איז דאך ביי יעדן פאַרהאַן דער 'פתחו של מחט', פאַרוואָס זעט מען נישט אַז ס'זאָל זיין אַ 'פתח כפתחו של אולם'?!**

## דער 'פתחי לי כחודו של מחט' שפּילט זיך איבער ביי יעדע מדריגה

האָט דער הייליגער רוזינער געזאָגט, און פון אַנדערע צדיקים שטייט אויך דעם זעלבן נוסח, אַז **וויפיל 'בא לטהר' דער מענטש שטעלט צו, אַזויפיל 'מסייעין אותו' איז דאָ פון הימל!** ווען דער מענטש גייט אַ טריט, עפענט מען אים פון הימל איין מדריגה, דערנאָך דאַרף דער מענטש נאָכאַמאָל עפענען אַ 'פתח כחודו של מחט' און מ'וועט אים עפענען נאָך אַ שטאַפּל. אַזוי דאַרף מען כסדר מאַכן אַ 'ראשית' ביי יעדע מדריגה.

דאָס איז אויך די באַדייט פון דעם כלל פון 'כל התחלות קשות' - **יעדעס מאָל דו ווילסט גיין נאָך מדריגה, וועסטו נאָכאַמאָל שפּירן דעם 'כל התחלות קשות', און ווען דו וועסט דאָס דורכגיין עפנט זיך די קומענדיגע מדריגה.** דערנאָך גייסטו נאָך אַביסל און עס עפנט זיך נאָך אַ מדריגה. אַגאַנצע צייט עפנט מען פאר אַ מענטש לויט וויפיל התחלות ער האָט געמאַכט!

## גיין אַ שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל, אַזוי קומט מען אן

דאָס פאַרענטפערט די שאלה וואָס מענטשן פרעגן: "כ'האב שוין געמאַכט אַ 'ראשית' און כ'זע נישט די 'מסייעין בידו'". די תירוץ איז אַז **דו דאַרפסט גיין נאָך אַ טריט און נאָך אַ טריט.** נחשון בן עמינדב איז אויך אַריינגעגאַנגען אין וואַסער ביז'ן האַלז. ער האָט זיך נישט באַגענוגט מיט'ן אַריינשטעלן די פיס אין וואַסער.

ווען אַ איד גייט קלייבן געלט פאר צדקה, איז נישט גענוג אויב מען גייט בלויז אַביסל. גיי נאָך און נאָך. אָבער מאַך נישט קיין חשבונות וואָס עס וועט זיין די תוצאות. **איך דאַרף טון מיינס און דאָס איבריגע ווייס איך נישט!**

דאָס איז אויך דער כלל לגבי ערב פסח: אודאי דאַרף מען גוט רייניגן אויף יום טוב, מ'זאָל זיך נישט מייאש זיין און זיך נישט מתרשל זיין, **מען דאַרף טון וואָס מ'דאַרף טון, אָבער מאַך נישט קיין חשבונות** וואָס די תוצאות גייען זיין!

## די 'קרבת אלקים' פון די אַרבעט בעפאָר פסח

דאָס איז די עיקר הכנה אויף פסח; חודש ניסן איז דאך אַ חודש וואָס מען באַנייט זיך, מ'דאַרף זיך פריש באַנייען צו אַריינטאַנצן און אָנהויבן, אפילו ווען מען זעט נישט וויאַזוי מ'גייט עס קענען ענדיגן. **אַ איד ווערט בטל צום רבוש"ע דורך דעם וואָס ער רייניגט פאר פסח, אָן קיין חשבון וויאַזוי די תוצאות וועלן זיין!**

ס'איז דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַז די הכנות אויף פסח האָט נישט צוטון מיט 'קרבת אלקים'. די הכנות אויף פסח האָט צוטון מיט אַנדערע זאַכן, ווי שוויצן, רייבן, זיך קריגן מיט די קינדער וואָס גייען אַריין און אַרויס מיט די חמץ... 'קרבת אלקים' וועל איך אפשר מרגיש זיין אינמיטן דעם סדר...

**דאָס איז אָבער אַ טעות מוחלט!** דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז מ'זאָל רייניגן און מ'זאָל נישט קענען זען וויאַזוי ס'גייט זיך אויסאַרבעטן, ווייל ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן טון זאַכן מיט אַ לחץ נישט וואוסנדיג וואָס די תוצאות גייען זיין, מיט אַ ביטול פאַר'ן רבוש"ע.

ווען מען האָט ענדליך ריין געמאַכט אַ שטוב פון חמץ און אינמיטן קומט אַ קינד און מאַכט נאָכאַמאָל חמץ'דיג דאָס פּלאַץ. און מ'ווערט נישט אין כעס, ס'איז גאָרנישט געשען, נאר מען רייניגט נאָכאַמאָל אויף, **וויפיל קרבת אלקים ליגט דערינען! וויפיל עבודת המדות דאַרף מען דאָ האָבן!**

## אונזער בעה"ב איז נישט ברוגז ווען דאָס קינד האָט אויסגעגאָסן חמץ

אַז מען טראַכט אַריין וועט מען זען אַז די חילוק צווישן אַ 'בעל הבית' פון אַ פירמע און דער אַרבעטער פון די פירמע, איז אַז **דער בעה"ב זוכט אַגאַנצע צייט צו זען די תוצאות.** ער וויל פאַרדינען און מצליח זיין.

ווידעראום דער אַרבעטער, אפילו אויב ער איז אַן ערליכער אַרבעטער, קלאַפּט אַריין די קאַרטל... ער גייט אַריין אין צייט און ער פרעגט: וואָס וויל מען פון מיר יעצט?! **ער קוקט נישט אַגאַנצן צייט צי ס'ווערט עפּעס תוצאות פון זיין אַרבעט.** ס'איז אים גוט ווען ער ווייסט אַז ער האָט געטון די אַרבעט וואָס מ'האָט אים געבעטן.

ווען מיר זענען מקיים די מצוה פון רייניגן פאר פסח, לאָמיר געדענקן אַז מיר זענען אַרבעטער! דער רבוש"ע דאַרף פון אונז בלויז די אַרבעט. **ס'האָט זיך עפּעס אויסגעגאָסן?! מאַך עס איבער נאָכאַמאָל. אונזער בעל הבית, דער רבוש"ע, האָט הנאה ווען דו מאַכסט עס נאָכאַמאָל.** ער איז נישט ברוגז אויב דאָס קינד האָט עס אויסגעגאָסן. ער נעמט אַלעס אין חשבון! דו ביזט בסך הכל זיין אַרבעטער, טוסט דאָך עס פאַר אים! אויב עס שטערט אים נישט, פאַרוואָס שטערט עס פאַר דיך?! **האסט געמיינט אַז דאַרפסט צושטעלן תוצאות?! ניין, דו דאַרפסט נישט!** דער בעה"ב לאָזט דיך בלייבן מיט'ן גאַנצן רואיגקייט!

דאָס דאַרף זיין דער בליק פון אַ איד. ער קען מקיים זיין די שליחות פון השי"ת מיט אַ רואיגקייט און אַזוי וועט אים טאַקע דער רבוש"ע געבן אַ סייעתא דשמיא, ס'וועט זיין 'הבא לטהר מסייעין אותו'.

## די תוצאות ליגט סייווי ביי השי"ת, לאָמיר זיין רואיג

אויך ווען ס'קומט די געלט דאגות קען מען לעבן מיט אַזאַ סאָרט אופן, ווען מען ווייסט מיט אַ רואיגקייט אַז דער רבוש"ע וועט שיקן אויף די צרכי הפּסח, אַז ס'זאָל זיין וויפיל מ'דאַרף האָבן! דאָס זעלבע ווען ס'קומט צו באַקן די מצות, אַ איד דאַרף טון אַלעס וואָס מ'דאַרף, אָבער דאָס זאָל זיין באַגלייט מיט די רואיגקייט אַז "איך דאַרף נישט ברענגען די תוצאות"!

פּונקט ווי מיר ווייסן אַז אודאי דאַרף מען טון וויפיל מ'קען פאַר'ן חינוך פון אונזערע קינדער, אָבער דער מענטש האָט נישט קיין שליטה און ס'איז נישט בידו וועלכער בחור זאָל זיך חבר'ן מיט זיין זון. דער טאַטע ווייסט בלויז אַז ער קען דאַווענען, אָבער דו קענסט נישט ברענגען פאר דיין זון דעם פיינעם בחור וואָס זאָל אים אַריינברענגען יראת שמים, דו קענסט אים נישט ברענגען דעם גוט וואָרט, דעם מאמר חז"ל, וואָס זאָל אים טוישן און מאַכן פאַר אַן ערליכער איד. קענסט עס סייווי נישט מאַכן, מיר קענען בלויז מחנך זיין לויט אונזער מעגליכקייט און מתפּלל זיין, און דאָס איבריגע וועט דער רבוש"ע אויספירן.

דאָס זעלבע איז שייך ביי די אַלע ענינים פון הכנה אויף פּסח. מיר דאַרפן דאָס טון געדענקנדיג אַז **דער רבוש"ע וועט אונז געבן די סייעתא דשמיא צו אַריינברענגען דעם פּסח בשלימות.**

זאל טאַקע דער אויבערשטער העלפן אַז מ'זאָל זוכה זיין צו פּראַווען סיי די הכנה צום פּסח און סיי דער יום טוב פּסח אַליין, בדיצה, בחדוה ובשמחה!


**פטרון השבוע**
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו
ר' **משה חיים גרינפעלד** הי"ו
לעילוי נשמת רבן של ישראל
הרה"ק ר' **אלימלך** בן ר' **אלעזר ליפמאן** זצוק"ל
זכות החזקת התורה וזכות הבעל הילולא יעמוד לו ולזרעו עד עולם

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הביני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223